

# א משל זיך צו לערנען

## יום הקדוש

### מַשְׁטִין בְּכֶבֶל אֱסוּר... וְנַקְדִּישָׁךְ בְּצוֹם הֶעָשׂוֹר, קָדוֹשׁ

**אין** די אמאליגע יארן, נעבן דער גרעניץ פון א גרויסן לאנד, איז געווען א שטאט וואו עס האט שטענדיג געהערשט א טומל. שווערע וואגנס זענען אנגעקומען פון ווייטע פלעצער, אנגעלאדנט מיט שטאף, געווירצן און טייערע סחורות. די פערד האבן געשארט מיט די פיס אין דער ערד, די בעלי-עגלות האבן גערופן איינער צום צווייטן, און ביים ארייננגאנג אין שטאט זענען די קעניגליכע שטייער-באאמטע געשטאנען אויף דער וואך.

**קיין וואגן האט נישט געקענט אריבערפארן אן זיך אפשטעלן. דער באאמטער האט געעפנט די פעקלעך, איבערגעקוקט די סחורה און אויסגערעכנט וויפיל שטייער דער סוחר דארף באצאלן.** ערשט נאכדעם וואס דאס געלט איז געלעגן אויפן טיש, האט מען אויפגעהויבן דעם שווערן האלץ וואס האט פארמאכט דעם וועג. דער סוחר האט באקומען זיין באשטעטיגונג און איז ווייטער געפארן, פריי צו פארקויפן זיין סחורה אינעם לאנד.

**אבער** אין יענער שטאט האט געוואוינט א סוחר וואס האט געהאט אנדערע חשבונות. ער האט אויך געהאנדלט מיט סחורה, נאר דאס אפשטעלן זיך ביים שטייער האט אים נישט געשמעקט. יעדעס מאל וואס ער האט אויסגערעכנט וויפיל געלט ער וועט דארפן איבערלאזן ביי די באאמטע, האט ער צוזאמענגעקנייטשט די ליפן. אין זיין קאפ האט זיך געדרייט איין געדאנק: **פארוואס זאל איך נישט קענען אריינברענגען די גאנצע סחורה און דאס גאנצע געלט האלטן ביי זיך?**

**ארום** דער שטאט זענען געווען וועלדער, קליינע בערג און שמאלע פעלד-וועגן. דארט איז נישט געווען קיין געהעריגע שאסיי, קיין לאמפן און קיין באקוועמע פלאץ פאר א וואגן. אין רעגן זענען די רעדער איינגעזונקען אין בלאטע; אין דער פינסטערניש האט מען קוים געזען וואו דער וועג דרייט זיך. אבער דער סוחר האט די וועגן גוט געקענט. ער האט געוואוסט וואו מען קען דורכפארן צווישן דיביימער און וואו עס איז דא א דורכגאנג הינטערן בארג.

**ביינאכט,** בשעת די שטאט איז געשלאפן, איז ער ארויס מיט זיינע פעקלעך. ער האט איינגעוויקלט די סחורה, זי גוט צוגעבונדן צום וואגן און אנגעוויזן דעם בעל-עגלה וואו צו פארן. ווען ער האט פון דערווייטנס דערזען א ליכטל, האט ער גלייך געהייסן אפשטעלן די פערד. ער האט זיך צוגעהערט, געווארט ביז עס איז ווידער געווארן שטיל, און ערשט דאן איז ער ווייטער געפארן. **איין אומפארזיכטיגער טריט האט געקענט קאסטן די גאנצע סחורה - און דערצו זיין פרייהייט.**

**אין** אנהייב איז אים געלונגען. ער איז אריין אין שטאט פון א זייט, אראפגעלאדנט די סחורה אין א פארמאכטן הויף, און אינדערפרי איז ער שוין געשטאנען אויפן מארק ווי אלע אנדערע סוחרים. מיט דער צייט איז ער געווארן דרייסטער. דאס וואס האט אים אמאל געמאכט ציטערן, האט אים שוין אויסגעזען ווי א באקאנטע מלאכה. ער האט שוין געוואוסט ווי אזוי זיך צו באהאלטן און ווען עס לוינט זיך אויסצואווארטן נאך א שעה.

**די** שטייער-באאמטע זענען אבער אויך נישט געשלאפן. זיי האבן באמערקט אז אין שטאט ווערט פארקויפט סחורה וואס איז קיינמאל נישט דורכגעגאנגען זייערע הענט. מען האט אנגעהויבן נאכצופארשן, אויספרעגן און אויפשטעלן וועכטער אויך ביי די זייטיגע וועגן. דער נאמען פונעם סוחר איז מער ווי איין מאל דערמאנט געווארן. **מען האט שוין געוואוסט ווועמען מען זוכט; עס האט נאר געפעלט אים צו כאפן בשעת דער מעשה.**

**איין** נאכט איז ער ווידער געווען אונטערוועגנס. דער וואגן איז לאנגזאם געפארן צווישן די ביימער, און די צווייגן האבן געקראצט אין די זייטן. ער האט זיך איינגעבויגן פאראויס און שטיל געזאגט צום בעל-עגלה: **"נאך אביסל. ווען מיר זענען שוין אריבער דעם דריי, זענען מיר כמעט אינדרויסן פונעם וואלד."** ער האט גוט געקענט דעם פלאץ. שוין אזויפיל מאל איז ער דא

דורכגעפארן אן קיין שום שטערונג.

**פלוצלינג** האט א שארפע שטימע דורכגעריסן די שטילקייט: "**שטיי! קיין טריט ווייטער!" פון צווישן די ביימער זענען ארויסגעקומען באוואפנטע וועכטער מיט לאמטערנס. איינער האט אנגעכאפט די לייצעס, א צווייטער איז צוגעגאנגען צום הינטערשטן טייל פונעם וואגן.** דער סוחר האט זיך אויסגעדרייט, געזוכט מיט די אויגן א וועג צוריק, אבער אויך פון יענער זייט זענען שוין געשטאנען וועכטער. דאס מאל איז נישט געווען וואו צו אנטלויפן.

"**וואס פירט איר דא?**" האט דער באאמטער געפרעגט. ער האט פרובירט צו ענטפערן, אבער זיין מויל איז געווארן טרוקן. מיט ציטערדיגע פינגער האט ער אנגערירט דעם שטריק ארום א פעקל. דער באאמטער האט נישט געווארט אויף לאנגע הסברים. ער האט געהייסן אראפנעמען די דעקע, געעפנט איינס פון די פעקלעך און געהאלטן דעם לאמטערן נעענטער. פאר אלע אויגן איז געלעגן די סחורה, אן קיין באשטעטיגונג אז מען האט דערויף באצאלט שטייער.

**אלעס איז יעצט געווען פארלוירן. די סחורה האט מען פון אים צוגענומען, און אים האט מען אוועקגעפירט אין תפיסה.** אין א קליינעם צימער, הינטער אן אייזערנער טיר, איז ער געזעסן און נאכאמאל איבערגעטראכט די לעצטע מינוטן אינעם וואלד. **נאך א דריי, האט ער געמיינט, און ער איז שוין געראטעוועט. אנשטאט דעם איז די טיר פון דער תפיסה פארמאכט געווארן הינטער אים, און אלע זיינע חשבונות זענען געבליבן אינדרויסן.**

**איין** אינדערפרי האט זיך די שווערע טיר פון זיין צעל געעפנט. דער וועכטער איז געבליבן שטיין ביים שוועל און אים געגעבן א קורצן באפעל: "**קומט מיט. מען פירט אייך צום שופט.**" דער סוחר איז גלייך אויפגעשטאנען. שוין טעג וואס ער זיצט דא און ווייסט נישט וואס עס ווארט אים אפ. יעצט, ווען דער מאמענט איז ענדליך געקומען, האבן זיינע קניען אנגעהויבן ציטערן. **ווער ווייסט וואס פאר א פסק מען וועט היינט ארויסגעבן אויף אים?**

**ער** איז געגאנגען נאכן וועכטער דורך א לאנגן, קאלטן קארידאר. ביי א ברייטער טיר האבן זיי זיך אפגעשטעלט. דער וועכטער האט אנגעקלאפט, געווארט אויף אן ענטפער און אים אריינגעפירט. **הינטער א גרויסן הילצערנעם טיש איז געזעסן דער שופט. פאר אים זענען געלעגן פאפירן, א טינטערל און א פעדער. ביי דער זייט איז געשטאנען דער שטייער-באאמטער וואס האט אים געכאפט אינעם וואלד. דער סוחר האט אים דערקענט און גלייך אראפגעלאזט די אויגן.**

**דער** שופט האט אים געלאזט שטיין א ווייל, בשעת ער האט איבערגעלייענט די פאפירן. אינעם צימער איז געווען שטיל; מען האט נאר געהערט ווי דער שופט דרייט איבער א בלאט נאך א בלאט. דער סוחר האט געווארט מיט א פארקלעמט הארץ. ער האט פרובירט צו כאפן א בליק אויפן שופט'ס פנים, צו זען צי עס איז דא עפעס א סימן פון רחמנות. אבער דער שופט האט ווייטער געלייענט, אן אויפצוהייבן דעם קאפ.

**ענדליך** האט ער אוועקגעלייגט די פאפירן און אים גראד אנגעקוקט. "**איר ווייסט פארוואס איר שטייט דא?**" דער סוחר האט שטיל צוגעשאקלט מיטן קאפ. "מען האט אייך געכאפט מיט סחורה אויף וועלכער איר האט נישט באצאלט שטייער," האט דער שופט ווייטער געזאגט. "**אבער איר זענט נישט בטעות אריינגעפארן אין יענעם וואלד. איר האט גוט געוואוסט וואו איר פארט און פארוואס איר פארט דארט. איר האט געזוכט א וועג וואו די קעניגליכע וועכטער זאלן אייך נישט זען.**"

**דער** סוחר האט געעפנט דאס מויל, אבער דער שופט האט אויפגעהויבן די האנט. "די וועגן זענען אונז שוין באקאנט. מיר ווייסן פון די שמאלע דורכגענג צווישן די ביימער, פון די פעלד-וועגן און פון די נאכט-נסיעות. איר האט זיך צוגעוואוינט צו מיינען אז אויב איר זעט נישט קיין וועכטער, זעט קיינער נישט אייך." ער האט א מאמענט געשוויגן, דערנאך צוגעלייגט: "**יעצט ווייסט איר שוין אז מען קען אייך טרעפן אויך דארט.**"

**די** לעצטע ווערטער האבן דעם סוחר שטארק געשטאכן. פאר זיינע אויגן איז ווידער געשטאנען יענע נאכט: די לאמטערנס צווישן די ביימער, די אנגעכאפטע לייצעס, די אפענע פעקלעך. ער האט געשלונגען און זיך דערוואגט צו רעדן. "**איך האב שוין אלעס פארלוירן,**" האט ער געבעטן מיט א נידעריגער שטימע. "די גאנצע סחורה איז ביי אייך. **איך בעט אייך, לאזט מיך ארויס. גיט מיר נאך א געלעגנהייט.**"

**דער** שופט האט אים אויסגעהערט. "**איר ווילט צוריק באקומען אייער פרייהייט?**" האט ער געפרעגט. דער סוחר האט שנעל אויפגעהויבן דעם קאפ. "**יא, הער שופט. איך בעט אייך!**" דער שופט האט ארויסגעצויגן א בויגן פאפיר און עס געלייגט פאר זיך אויפן טיש. "**מען איז גרייט אייך ארויסצולאזן," האט ער געזאגט, "אבער די באפרייאונג וועט האבן א קלארן תנאי.**"

**און דעם תנאי דארפט איר גוט פארשטיין, איידער איר נעמט די פעדער אין דער האנט."**

דער סוחר האט זיך אביסל צוגעבויגן פאראויס. יעצט האט ער זיך צוגעהערט צו יעדעס ווארט. "פון היינט און ווייטער," האט דער שופט געזאגט קלאר, "פארט איר נאר אויפן גרויסן, אפענעם וועג. אויפן דרך המלך, וואו אלע סוחרים פארן. קיין וואלד-וועגן, קיין באהאלטענע דורכגענג צווישן די פעלדער, און קיין זייטיגע וועגן ארום די שטייער-שטאציעס. **איר וועט פארן וואו מען קען אייך זען, און איר וועט זיך אפשטעלן וואו מען הייסט אייך זיך אפשטעלן."**

דער סוחר האט אראפגעקוקט אויפן פאפיר. נאכן זיצן אזוי לאנג הינטער א פארשלאסענער טיר, האט דאס ווארט "ארויסצולאזן" אים געקלונגען ווי א בשורה פון א צווייטער וועלט. דאך האט ער געוואלט זיין זיכער אז ער האט ריכטיג פארשטאנען. **"אויף דעם הויפט-וועג וועל איך מעגן פארן?"** האט ער פארזיכטיג געפרעגט. **"איך וועל קענען פירן סחורה און ווייטער האנדלען?"** ער האט געווארט אויפן ענטפער, כאילו זיין גאנצע צוקונפט איז געהאנגען אין די קומענדיגע ווערטער.

**"איר וועט קענען האנדלען ווי יעדער אנדערער סוחר,"** האט דער שופט געענטפערט. **"איר וועט פירן אייער סחורה אויפן אפענעם וועג, זי ווייזן פאר די באאמטע און באצאלן וואס איר דארפט.** אבער געדענקט גוט: אויב מען טרעפט אייך נאך איינמאל אויף די באהאלטענע וועגן, וועט איר נישט קענען זאגן אז איר האט נישט געוואוסט." דער שופט האט אנגעוויזן אויפן פאפיר. **"אלעס שטייט דא קלאר. לייענט עס איבער."**

ער האט גענומען דעם בויגן מיט ביידע הענט און לאנגזאם געלייענט. די ווערטער זענען געווען פשוטע, אבער זייער באדייט האט ער גוט געשפירט. די וועגן וואס ער האט אזוי גוט געקענט, די דורכגענג אויף וועלכע ער האט זיך פארלאזט, זענען פון היינט אן פאר אים געווען פארבאטן. ער האט נאך איינמאל געקוקט צום שופט. וועלכע האט שטיל געווארט, מיט דער פעדער גרייט, אויף דער זייט פונעם טיש.

דער סוחר האט גענומען די פעדער, זי איינגעטונקען אין טינט און אונטערגעשריבן זיין נאמען. זיין האנט האט אביסל געציטערט. ווען ער האט אראפגעלייגט די פעדער, האט דער שופט צוגעצויגן דעם פאפיר און איבערגעקוקט די אונטערשריפט. דערנאך האט ער זיך אויסגעדרייט צום וועכטער און געזאגט: **"מען קען אים באפרייען."** מיט איין אונטערשריפט האט ער צוריק באקומען זיין פרייהייט - און זיך פארפליכטעט אז פון יעצט אן פארט ער נאר אויפן דרך המלך.

ער איז ארויסגעגאנגען נאכן וועכטער, צוריק דורך דעם לאנגן קארידאר. דאס מאל זענען זיינע טריט געווען אנדערש. ביים דרויסנדיגן טויער האט דער וועכטער ארויסגענומען א גרויסן שליסל און אויפגעשלאסן די טיר. א שטרייף טאג-ליכט איז אריינגעפאלן אויפן שטיינערנעם פאדלאגע. דער סוחר איז א מאמענט געבליבן שטיין, ווי ער וואלט זיך נאך אלץ געפארכטן אז מען וועט אים צוריקרופן. **"איר קענט גיין,"** האט דער וועכטער געזאגט.

ער איז ארויס אין דער פרישער לופט און האט טיף אפגעאטעמט. אין גאס זענען סוחרים געגאנגען צו זייערע געשעפטן, א וואגן איז פארבייגעפארן, און פון דערווייטנס האט זיך געהערט דער באקאנטער טומל פונעם מארק. אלעס איז געווען אזוי ווי פריער, אבער ער האט דאס יעצט באטראכט מיט אנדערע אויגן. ער האט געקענט אהיים גיין. ער האט געקענט עפענען א טיר אליין, אן צו ווארטן אז א וועכטער זאל קומען מיט א שליסל.

ער איז לאנגזאם געגאנגען ווייטער. עטליכע סוחרים האבן אים דערקענט און אים נאכגעקוקט, אבער ער האט זיך נישט אפגעשטעלט. אין זיינע אויערן האבן נאך געקלונגען די ווערטער פונעם שופט. ער איז טאקע פריי, אבער ער האט גוט געוואוסט וואס ער האט אונטערגעשריבן. **אויב מען וועט אים נאכאמאל טרעפן אויפן באהאלטענעם וועג, וועט קיין תירוץ אים שוין נישט העלפן. פון יעצט אן איז פאר אים געבליבן איין וועג: דער גרויסער, אפענער דרך המלך.**

עס איז אריבער א שטיק צייט. איין אינדערפרי איז ער אנגעקומען צו דער גרויסער וואגן-סטאנציע ביים עק פון שטאט. אין הויף זענען געשטאנען פארשידענע וועגענער: שווערע וועגענער פאר לאסט, פשוטע פאר רייזנדע און שיינע, לייכטע וועגענער פאר סוחרים וואס האבן זיך געאיילט. פון די שטאלן האט זיך געהערט דאס שטאמפן פון פערד. א דינסט האט געשלעפט א זאק האבער, און דער פארוואלטער איז געשטאנען מיט א בוך אין דער האנט.

דער סוחר איז גלייך צוגעגאנגען **צו אים. "איך דארף א וואגן,"** האט ער געזאגט. דער פארוואלטער האט אויפגעהויבן

דעם קאפ און געוויזן אויף א וואגן ביים טויער. **"דער דא קען זיין גרייט אין א קורצער צייט. א שטארקער וואגן, מיט גוטע פערד."** אבער דער סוחר האט קוים א בליק געטון דערויף. ער האט שוין געקוקט ווייטער, צו דער לייכטער וואגן וואס איז געשטאנען נעבן דעם שטאל.

**"איך דארף די שנעלסטע וואס איר האט,"** האט ער געזאגט. דער פארוואלטער האט אים נאכאמאל אנגעקוקט. **"די שנעלסטע?"** **"יא.** און שפאנט איין צוויי לויף-פערד. אזעלכע וואס קענען לויפן א לאנגע שטרעקע אן זיך אפצושטעלן." דער פארוואלטער האט פארמאכט דאס בוך. אזא באשטעלונג האט מען נישט געמאכט יעדן טאג. **דער סוחר האט נישט געזוכט א באקוועמע נסיעה. ער האט געזוכט שנעלקייט - די גרעסטע שנעלקייט וואס מען קען אים געבן.**

**"עס וועט אייך קאסטן אסאך מער,"** האט דער פארוואלטער אים געווארנט. דער סוחר האט ארייגעלייגט די האנט אין טאש און ארויסגענומען געלט. **"איך וועל באצאלן. מאכט נאר אז אלעס זאל זיין גרייט."** דער פארוואלטער האט גערופן דעם שטאל-דינסט און אים געהייסן צוגרייטן די פערד. דער סוחר איז צוגעגאנגען צום וואגן, באטראכט די רעדער און געפרעגט צי די וואגן איז טאקע לייכט גענוג פאר א שנעלן לויף.

**ביי** דער זייט פונעם הויף זענען געשטאנען צוויי שטייער-באאמטע. איינער פון זיי האט אים דערקענט תיכף ביים אריינקומען. ער האט געגעבן דעם צווייטן א שטילן שטופ און אנגעוויזן מיט די אויגן. זיי האבן זיך נישט ארייגעמישט. זיי האבן נאר צוגעהערט צו דער באשטעלונג און נאכגעקוקט ווי דער סוחר פרעגט איבער, די פערד, די רעדער און די שנעלקייט. דער עלטערער באאמטער האט לאנגזאם צוזאמענגעקנייטשט דעם שטערן.

**"דאס** איז דאך יענער," האט דער יונגער שטיל געזאגט. **"דער וואס מען האט געכאפט אין וואלד."** דער עלטערער האט צוגעשאקלט מיטן קאפ. **"ער האט זיך אונטערגענומען צו פארן נאר אויפן הויפט-וועג,"** האט דער יונגער ווייטער געזאגט. "און ער זעט אויס ווי איינער וואס פארט טאקע אפן. ער באשטעלט א וואגן דא, פאר אלעמענס אויגן." דער עלטערער האט אים אויסגעהערט, אבער זיין בליק איז געבליבן אויף די לויף-פערד.

**"פרעג** **אים וואו ער פארט,"** האט ער שטיל געזאגט. דער יונגער איז צוגעגאנגען צום סוחר און געפרעגט אויף וועלכן וועג ער וויל ארויספארן. דער סוחר האט זיך אויסגעדרייט צו אים און געענטפערט אן זיך צו פארטראכטן: **"אויפן הויפט-וועג, פארשטייט זיך. איך געדענק גוט מיין התחייבות."** ער האט מיט דער האנט געוויזן צום גרויסן טויער. דארט האט זיך אנגעהויבן דער ברייטער וועג, גראד ארויס פון דער שטאט.

**דער** יונגער איז צוריקגעקומען. **"איר הערט? ער פארט אויפן דרך המלך."** דער עלטערער האט א ווייַלע געשוויגן, דערנאך האט ער זיך צוגעבויגן צו אים. **"דאס האב איך געהערט,"** האט ער געזאגט. **"אבער קוק נאך איינמאל וואס ער האט באשטעלט. פארוואס דארף דער באקאנטער שמוגלער דווקא די שנעלסטע וואגן? פארוואס זענען אים די געוויינליכע פערד נישט גענוג? פארוואס איז ער גרייט צו באצאלן אזויפיל מער, אבי נישט צו דארפן אפשטעלן דעם לויף?"**

**דער** יונגער האט ווידער א קוק געטון אויף דעם סוחר. יעצט האט די זעלבע באשטעלונג שוין אויסגעזען אנדערש. דער עלטערער האט צוגעענדיגט: **"אין וואלד לאזט מען אים נישט פארן. קען זיין אז יעצט וויל ער דורכרייסן דעם אפענעם וועג מיט אזא שנעלקייט, אז די וועכטער זאלן אים נישט קענען אפשטעלן! דער וועג וועט זיין דער ריכטיגער וועג - אבער די סחורה קען נאך אלץ זיין די זעלבע סחורה!"**

**אין** הויף האט מען שוין איינגעשפאנט די צוויי פערד. דער בעל-עגלה האט געצויגן די רימען און איבערגעקוקט די לייצעס. אלעס איז געווען גרייט צו פארן, אבער די באאמטע האבן שוין באטראכט די וואגן מיט אנדערע אויגן. דאס וואס האט אויסגעזען ווי א סימן אז דער סוחר פאלגט דעם באפעל, האט אין זייערע אויגן באקומען א צווייטן באדייט. זיי האבן חושד געווען אז אונטער דער אפענער נסיעה ליגט באהאלטן א נייער פלאן.

**דער** יונגער באאמטער איז געבליבן שטיין נעבן זיין עלטערן חבר. ער האט נאך נישט געוואוסט וואס עס ליגט אינעם וואגן; אבער ער האט שוין פארשטאנען דעם חשד. **מען קען זאגן אויף א סוחר אז ער פארט אויפן דרך המלך, און מיט די זעלבע ווערטער מיינען: היט אייך, אפשר וויל ער אונז יעצט אויסכאפן אויף אן אנדערן אופן.** די ווערטער אליין קענען קלינגען שיין. די כוונה וואס ליגט אונטער זיי קען זיין ביטער.

**טייערע** אידן, מיר שטייען אינעם הייליגן יום הכיפורים, אנגעטון אין ווייס, מיטן מחזור אין די הענט און מיט א הארץ וואס בעט מחילה. צווישן די הייליגע תפילות בעטן מיר: "מַשְׂטִין בְּכֶבֶל אֱסוֹר" - **דער וואס קומט מקטרג זיין אויף אונז זאל זיין געבונדן אין קייטן.** מיר ווילן זיך אויסגיסן פארן רבונו של עולם, אן דעם וואס דער מקטרג זאל זיך אריינמישן און שטערן אונזער עבודה.

**פרעגט** דער הייליגער חתם סופר זי"ע א געוואלדיגע קשיא: חז"ל זאגן דאך אז יום הכיפורים האט דער שטן נישט קיין רשות צו מקטרג זיין. דער טאג איז געהייליגט פאר כלל ישראל, און זיין געווענליכע קטרוג איז נישט ערלויבט. **אויב מען לאזט אים ממילא נישט רעדן שלעכטס אויף אונז, פארוואס בעטן מיר אז מען זאל אים נאך בינדן אין קייטן? וואס האבן מיר מורא פון אים היינט?**

**דער** חתם סופר ברענגט, אז ראש השנה קומט דער שטן און זאגט: "בָּנֶיךָ גַּנָּבִים הֵם" - דיינע קינדער זענען גנבים. יום הכיפורים רעדט ער אבער גאנץ אנדערש: "בָּנֶיךָ כְּמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת" - **דיינע קינדער זענען ווי די הייליגע מלאכים.** לכאורה א געוואלדיגע סניגוריה! דער זעלבער וואס האט נעכטן געזוכט אונז צו באשולדיגן, שטייט היינט און דערציילט ווי הייליג כלל ישראל איז.

**און** דאך ווערט געברענגט אינעם זוהר הקדוש, אז דער אויבערשטער וויל נישט זיין סניגוריה, און ער פארנעמט אים מיטן שעיר המשתלח. אויך מיר בעטן אז מען זאל דעם משטין בינדן, אז ער זאל אפילו מיט זיין לויב נישט קומען צו אונז. דאס דארף מען פארשטיין: וואס שטערט אונז אז ער זאגט א גוט ווארט? **אבער דער משל ווייזט אונז, אז מען דארף הערן נישט בלויז די ווערטער. מען דארף וויסן וואס דער רעדנער וויל מיט זיי ארויסברענגען.**

**דורכאויס** דעם יאר וויל א איד דאווענען צום אויבערשטן. ער עפנט דעם סידור, ער זאגט די הייליגע ווערטער, ער בעט פאר זיך און פאר זיינע קינדער. אבער די עבירות מאכן מסכים המבדילים, מחיצות וואס שטעלן זיך צווישן אונז און אונזער טאטן אין הימל. די מקטרגים זוכן אפצוהאלטן די תפילות. לויט דעם משל זענען זיי ווי די וועכטער אויפן וועג, וואס שטעלן זיך אנטקעגן דעם וואס וויל דורכפארן.

**דאס** איז א ווייטאגליכער מצב. דער איד וויל דאך אנקומען צום רבונו של עולם, אבער די אייגענע מעשים האבן אים פארשווערט דעם וועג. ער דארף רחמים, ער דארף תשובה, ער דארף אז מען זאל אים עפענען א דורכגאנג. **ראש השנה גיט אונז דער אויבערשטער דעם הייליגן שופר, מיט וועלכן מען שפאלט די מחיצות און מען באקומט א וועג פאר די תפילות, אפילו וואו דער דורכגאנג איז שמאל און שווער.**

**דארויף** קומט דער שטן מיט זיין קטרוג: "בָּנֶיךָ גַּנָּבִים הֵם." ער באצייכנט אונז ווי סוחרים וואס זוכן זייטיגע וועגן, כדי אויסצומיידן די וואס ווילן זיי אפשטעלן. **דאס איז זיין בייזער בליק אויף דער הייליגער עבודה: ער וויל פארדרייען דעם וועג וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן, און עס פארשטעלן.** אנשטאט צו זען אידישע קינדער וואס זוכן זייער טאטן, זוכט ער א טענה קעגן זיי.

**יום** הכיפורים ווערט דער מצב אנדערש. **דער שטן האט נישט קיין רשות צו מקטרג זיין, און דער דרך המלך איז אפן. דער איד קען שטיין פארן אויבערשטן און דאווענען. די תפילות גייען אויפן גראדן, ברייטן וועג. וואס פאר א חסד דאס איז! נאך א גאנץ יאר מיט שטערונגען און מחיצות, גיט אונז דער רבונו של עולם דעם הייליגן טאג, ווען מיר קענען זיך דערנענטערן צו אים און בעטן ער זאל אונז מוחל זיין.**

**אבער דער טאג האט א שיעור. די שעות גייען פארביי, און א איד שפירט אז ער דארף אויסנוצן די טייערע צייט. פון ביינאכט ביז ביינאכט שטייען מיר פארן אויבערשטן אין דאווענען; איין תפילה פירט אריין אין דער צווייטער, איין בקשה אין דער נעקסטער. מען וויל נאך בעטן, נאך מתוודה זיין, נאך עפענען דאס הארץ. דער וועג איז אפן, און די נשמה וויל נישט פארלירן די געלעגנהייט אנצוקומען צום קעניג.**

**דעריבער** טוען מיר זיך אן אין ווייס, זיך צו דערמאנען אין די מלאכי השרת, די לבושי הבדים. דער חתם סופר ערקלערט דעם דמיון אויך מיט דער רציפות פון דער עבודה: ווי די מלאכים וואס גייען אריבער די וועלט אין איין רצופ'דיגן פלי, אזוי שטייט כלל ישראל דעם הייליגן טאג אין אן עבודה וואס ציט זיך פון אוונט ביז אוונט. דאס בילד פון די שנעלע וואגן ברענגט ארויס דעם רצון דורכצוגיין

דעם אפענעם וועג אן איבערירייס.

**עס** מיינט נישט אז מען זאל ארויסיאגן די ווערטער פונעם מחזור. דער ענין איז די רציפות, דאס אויסנוצן דעם טאג און זיך האלטן פארבונדן מיט דער תפילה. דער סוחר דער בשר ודם, וואס א גאנץ יאר איז פארנומען מיט גשמיות, שטייט היינט אנגעטוהן ווייס און זוכט דעם אויבערשטן. די צייט איז אים טייער. ער ווייסט אז אזא טאג קומט נישט יעדן טאג, און ער וויל ארייינלייגן אין אים זיין גאנץ הארץ.

**און** דא קומט דער שטן. אפן צו מקטרג זיין טאר ער נישט, זאגט ער א שיינעם שבח: ״בָּנֶיךָ כְּמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת.״ אבער וואס וויל ער דערמיט זאגן? דער שטן וויל מיט זיין לויב אריינברענגען א ביטערן חשד אין דער עבודה פון כלל ישראל. א גאנץ יאר שטעלט ער זיך אנטקעגן אונזערע תפילות און דערמאנט די עבירות וואס שטערן זייער וועג ארויף. ראש השנה, ווען מיר נוצן דעם הייליגן שופר צו שפאלטן די מחיצות, שרייט ער: ״בָּנֶיךָ גַּנָּבִים הֵם!״ ער וויל אונז פארשטעלן ווי מענטשן וואס זוכן א באהאלטענעם דורכגאנג, כדי אויסצומיידן זיין קטרוג און אריבערברענגען זייערע תפילות.

**יום** הכיפורים האט ער אבער נישט קיין רשות צו מקטרג זיין. דער דרך המלך איז אפן, און כלל ישראל שטייט אין תפילה פון אוונט ביז אוונט, אויסצונוצן יעדע טייערע שעה. קומט ער און זאגט: ״בָּנֶיךָ כְּמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת!״ די ווערטער קלינגען ווי א שבח, אבער ער וויל דערמיט אנדייטן: קוקט ווי זיי איילן זיך! קוקט ווי זיי ווילן דורכגיין דעם גאנצן וועג אין איין רצופ׳דיגן פלוג, אן זיך אפצושטעלן!

**זיין** באהאלטענע טענה איז: אפשר האבן זיי זיך גאר נישט באמת געביטן; אפשר ווילן זיי נאר אויסנוצן דעם טאג, ווען איך קען זיי נישט אפשטעלן, ארויפצוברענגען אלע זייערע תפילות בשעת זייערע אלטע עבירות זענען נאך מיט זיי. פונקט ווי די באאמטע זענען חושד דעם שמוגלער אז ער וויל דורכפירן די זעלבע סחורה מיט שנעלערע פערד, אזוי וויל דער שטן אויסטייטשן אונזער רצופ׳דיגע עבודה ווי א פרואוו זיך ארויסצודרייען פונעם דין.

**דאס** איז דער גיפט וואס ליגט באהאלטן אין זיין לויב. ער זאגט ״מלאכים״, אבער ער וויל אז מען זאל דערין הערן זיין אלטע באשולדיגונג פון ״גנבים״. ער וויל נוצן דווקא דעם שבח פון כלל ישראל - דאס שטיין אזוי לאנג און אזא רצופ׳דיג דאווענען - אלס א סיבה צו מעורר זיין א חשד קעגן זיי. דערפאר וויל דער אויבערשטער נישט זיין סניגוריה, און דערפאר בעטן מיר אז דער משטין זאל זיין געבונדן: אפילו זיין לויב איז א פרואוו צו מקטרג זיין.

**יעצט** פארשטייען מיר פארוואס אזא סניגוריה איז נישט געוואונטשן. זיין ציל איז נישט צו העלפן כלל ישראל; ער וויל ארייינלייגן דעם קטרוג אין א שיינעם לבוש. דער אויבערשטער וויל נישט דעם שבח וואס דער מקטרג זאגט מיט אזא כוונה. דערפאר האלטן מיר אים פארנומען מיטן שעיר המשתלח, און דערפאר בעטן מיר: ״מַשְׂטִין בְּכֶבֶל אֱסוֹר.״ ער זאל אונז לאזן דאווענען, אן צו פארדרייען אפילו דאס גוטס וואס מיר טוען.

**פאר אונז ליגט אין דעם א געוואלדיגער חיזוק: דער דרך המלך איז יעצט אפן פאר אונז!, יום הכיפורים האט דער שטן נישט קיין רשות זיך צו שטעלן אנטקעגן אונזערע תפילות און מקטרג זיין. דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א הייליגן טאג, ווען מיר קענען זיך דערנענטערן צו אים און אויסגיסן אונזער הארץ פאר אים. מיר דארפן דערקענען וואס פאר א טייערע געלעגנהייט מיר האבן יעצט אין די הענט.**

**און** דווקא פון דעם וואס דער שטן פרובירט צו טון, זעען מיר ווי גרויס די געלעגנהייט איז. פארוואס מוז ער באהאלטן זיין קטרוג אין א לויב? ווייל אפן צו מקטרג זיין טאר ער היינט נישט! פארוואס פרובירט ער צו פארדרייען אונזער רצופ׳דיגע תפילה? ווייל דער וועג איז אפן, די תפילות קענען ארויפגיין, און ער האט נישט קיין רשות זיי אפצוהאלטן מיט זיין געווענליכן קטרוג. דערפאר זוכט ער זיך אן אנדערן אופן ארייינצומישן.

**דאס דארף אונז אויפוועקן אויסצונוצן דעם הייליגן טאג. יעצט איז דער וועג אפן - יעצט לאמיר דאווענען, בעטן און זיך דערנענטערן צו אונזער טאטן אין הימל! דער שטן פרובירט מיט אלע וועגן צו שטערן, ווייל ער ווייסט וואס מיר קענען יעצט אויפטון מיט אונזערע תפילות. לאמיר אויך פארשטיין דעם ווערט פון די שעות, און אויסנוצן דעם אפענעם דרך המלך וואס דער רבונו של עולם האט אונז געגעבן.**

**א** איד טאר זיך נישט לאזן צעברעכן פון דער מחשבה ווי אזוי דער מקטרג קען אים אויסטייטשן. דער אויבערשטער ווייסט די אמת. ער זעט דעם הארץ וואס וויל תשובה טון, ער ווייסט וואס עס קאסט דעם סוחר זיך אפצורייסן פון זיין געוואוינהייט. **דער מקטרג קען פארדרייען דעם שבח; ער קען נישט פארדעקן פונעם רבונו של עולם אן אמת'ן רצון פון א אידישן קינד.** מיר דארפן טון אונזער עבודה און בעטן אז ער זאל אונז דערביי נישט שטערן.

**און** אזוי בעטן מיר צום סוף: "מַשְׁטִין בְּכֶבֶל אֱסוֹר, וְתִקְוַת אֲסִירַי בְּשׂוֹר!" רבונו של עולם, בינד דעם וואס זוכט אונז צו באשולדיגן, און ברענג א בשורה פון האפענונג פאר דעם וואס שפירט זיך פארכאפט. **מיר ווילן שוין ארויס פון די אייגענע שלעכטע געוואוינהייטן, ארויס פון די עבירות וואס האבן אונז פארמאכט דעם וועג. מיר קומען צו דיר מיט אונזער תפילה, מיט אונזער חרטה און מיט אונזער האפענונג.**

"וְנַקְדִּישָׁךְ בְּצוֹם הֶעָשׂוֹר, קָדוֹשׁ." דער הייליגער טאג גייט פארביי, אבער מיר ווילן מיטנעמען זיין קדושה אויף ווייטער. זאל דער משטין זיין געבונדן, און זאל אונזער נשמה זיך קענען דערנענטערן. דער דרך המלך איז אפן, דער טאטעווארט אויף זיינע קינדער, און מיר בעטן מיטן גאנצן הארץ: **טאטע, העלף אונז אנקומען צו דיר - און בלייבן אויף דיין וועג אויך נאכדעם וואס דער הייליגער טאג גייט ארויס!**

**מקור:** דרשות החתם סופר.

כל הזכויות שמורות
למכון א משל זיך צו לערנען
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
musheltolearn@gmail.com